בס"ד



# דעם רבינ'ס ליכט

אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מודִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

סוכות תשפ"ד
גליון 159

# א טעם פון סוכות



# דער ריינער קוואל

## מְעוֹרֵר זַיין דִי רַחֲמָנוּת

אַ גוּטְן שַׁבָּת אוּן אַ גוּטְן יוֹם טוֹב פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער

מִיט שְׁטַייעֶן שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִין דִי הֶעכְסְטֶע טֶעג פוּנֶעם יָאר, וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן "זְמַן שִׂמְחָתֵינוּ" לְאָמִיר זֶען וָואס זָאגְט דֶער הַיילִיגֶער רֶבִּי וֶועגְן שִׂמְחַת יוֹם טוֹב.

עֶס אִיז פַארְהַאן גָאר אַ שֵׁיינֶער סֵפֶר וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "לִקּוּטֵי עֵצוֹת אִידִישׁ" וָואס דָאס הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע גְרוֹיסֶע לַייט אִין אוּמַאן וָואס הָאט גֶעהֵייסְן רַבִּי שִׁמְשׁוֹן בַּארְסְקִי זַצַ"לַ אַן אֵיינִיקְל פוּן רַבִּין זִ"עַ, דֶער סֵפֶר אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיפְן סֵפֶר "לִקּוּטֵי עֵצוֹת" וָואס רַבִּי נָתָן הָאט גֶעמַאכְט אוֹיפְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. דִי מַעְלָה פוּן דֶעם סֵפֶר אִיז אַז עֶר הָאט דָאס גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף גָאר אַ גְרִינְגֶע אוּן לַייכְטֶע שְׁפְּרַאךְ, אַז יֶעדֶער אִיד אִין יֶעדְן מַצָּב אִין יֶעדְן עֶלְטֶער זָאל דָאס קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין, דֶער סֵפֶר אִיז גֶעבּוֹיט – לוֹיט עֲרָכִים, לוֹיט דִי אַלֶף בֵּית. אִין אוֹת מ' אִיז דָא אַן עֵרֶךְ וָואס רוּפְט זִיךְ "מוֹעֲדֵי הַשֵּׁם". אִין אוֹת ב' פוּן שָׁלֹשׁ רְגָלִים שְׁרַייבְּט עֶר אַזוֹי.

"דֶער עִיקָר שִׂמְחָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאר פוּן דִי מִצְוֹת, דִי שִׂמְחָה וָואס מֶען פְרֵייד זִיךְ אַז מֶען אִיז קְלוּג אָדֶער רֵייךְ אָדֶער שְׁטַארְק אִיז אַ פַאלְטְשֶׁע שִׂמְחָה, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט בְּלַייבְּט אִים גָארְנִישְׁט אִיבֶּער פוּן זַיין שְׁטַארְקֵייט רַייכְקֵייט אָדֶער קְלוּגְשַׁאפְט, דֶערִיבֶּער אִיז דֶער עִיקָר שִׂמְחָה וָואס אִיז כְּדַאי זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן נָאר אַז מִיר הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִיר הַאלְטְן תּוֹרָה וּמִצְוֹת.

דֶער עִיקָר שִׂמְחָה אִיז אִין הָארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אֱמֶת'דִיג שְׁפִּירְן אִין זַיין הָארְץ דִי חֲשִׁיבוּת אוּן דִי טַייעֶרְקֵייט פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מַאכְן אַ מִצְוָה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁט פַארְהַאנְדְן קַיין גְרֶעסֶערֶע פַארְמֶעגְן פוּן דֶעם, אוּן נָאר דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע טוֹבָה פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט. טָאמֶער אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט אַרַיינְגֶעקְלֶערְט אִין דֶעם וָואלְט עֶר גֶעוֶוען גָאר פְרֵיילִיךְ אַז עֶר הָאט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע זְכִיָּה צוּ מַאכְן דֶעם רָצוֹן פַארְן אֵיינְצִיגְן מֶעכְטִיגְן גְרוֹיסְן בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר אִיז דֶער קֶענִיג אוּן מוֹשֵׁל אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט.

בִּפְרַט יֶעצְט אִין "זְמַן שִׂמְחָתֵינוּ" וֶוען דִי שִׂמְחָה פוּן אַלֶע מִצְוֹת פוּן אַ גַאנְץ יָאר נֶעמְט זִיךְ צוּזַאמֶען אִין דִי דְרַיי יָמִים טוֹבִים, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פִילְן דִי קְדוּשָּׁה אוּן שִׂמְחָה פוּן אַלֶע מִצְוֹת וָואס מְ'הָאט גֶעטוֹן אַ גַאנְץ יָאר, אֲפִילוּ עֶס אִיז גֶעטוֹן גֶעוָוארְן אָן אַ שְׁלֵימוּת, אִיז אָבֶּער פָארְט דָא אִין יֶעדֶע מִצְוָה אַ נְקוּדָה טוֹבָה אַ קְלֵיינֶע רֵיינֶע פִּינְטְל לְשֵׁם שָׁמַיִם, (אַזוֹיוִוי ס'שְׁטֵייט אִין תּוֹרָה אֲזַמְּרָה רפ"ב) אוּן אִין יוֹם טוֹב וֶוערְט נִתְעוֹרֵר דִי הַיילִיגְקֵייט אוּן דִי שִׂמְחָה פוּן אַלֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זַייעֶר פְרֵיילִיךְ זַיין מִיט דִי בִּיסְל גוּטְ'ס, סְפֶּעצִיעֶל יֶעצְט אִין יוֹם טוֹב דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט שִׂמְחָה אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט קְלָאר אִין פָּסוּק "וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ".

רַבִּי נָתָן אִין לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת (תְּפִלָּה ל') בֶּעט זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן:

הֶעלְף אוּנְז צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי שָׁלֹשׁ רְגָלִים פֶּסַח שָׁבוּעוֹת סֻכּוֹת מִיט גְרוֹיס קְדוּשָּׁה מִיט אַ גְרוֹיסֶע גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, אוּן מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין אַלֶע רְגָלִים מִיט אַלֶע מִינֵי כָּבוֹד מִיט עֶסְן, טְרִינְקְן, מִיט רֵיינֶע קְלֵיידֶער, אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ מַאכְן מְלָאכוֹת וָואס מֶען טָאר נִישְׁט. אוּן הָאבְּן אַ גוּטֶע הָארְץ אוּן דַאוֶוענֶען

המשך אויף זייט 9

# איין מעשה'לע



*דער באשעפער באווייזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

## בַּיים רִיכְטִיגְן אַדְרֶעס

די וָואךְ הָאט מַיין פֶּעטֶער גֶעמַאכְט אַ סִיּוּם הַשַּׁ"ס. מַיין מַאמֶע הָאט מִיר גֶעהֵייסְן אַנְטֵייל נֶעמֶען און פָארְן גְלַייךְ נָאךְ חֶבְרָה (מַתְמִידִים). וְוייבַּאלְד עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין יֶענֶעם גֶעגְנְט אַ הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען דִי וֶועג פַארְמַאכְט און דֶער בָּאס גֶעפָארְן דוּרְךְ אַן אַנְדֶערֶע וֶועג, און אִיךְ הָאבּ זַייעֶר גֶעבֶּעטְן דֶער דְרַייוֶוער עֶר זָאל זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אָבֶּער עֶר הָאט בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט גֶעוָואלְט, עֶס אִיז גַאנְץ מֶעגְלִיךְ אַז עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן וַוייל עֶר אִיז גֶעפָארְן אוֹיף אַ הוֹיפְּט-וֶועג וָואס אִיז הִיפְּשׁ סַכָּנָה'דִיג פַאר אַ קִינְד אַלֵיין אַרָאפְּצוּגֵיין, לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט, נָאךְ פִיל בֶּעטֶענִישְׁן הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַן אָרְט. אִיךְ גֵיי אַרָאפּ פוּן בָּאס און אִיךְ הָאבּ עֶרְשְׁט דֶעמָאלְט בַּאמֶערְקְט אַז דִי פְּלַאץ אִיז דִי נָאנְטְסְטֶע צוּ דִי דִירָה וואו מַיין פֶּעטֶער וואוינְט...

כָּל מַה דַּעֲבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עֲבִיד, אֲפִילוּ מֶען זֶעט עֶס נִישְׁט אוֹיפְן עֶרְשְׁטְן מִינוּט.

## דֶער רִיכְטִיגֶער דָאקְטָאר

לְכָבוֹד דִי חָשׁוּבֶ'ע מַעֲרֶכֶת "דֶעם רֶבִּ'ינְס לִיכְט".

אִיךְ ווִיל אַייךְ מִיטְטֵיילְן מִיט מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע. אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם אוֹר פוּן רֶבִּי'ן אִין מַיינֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר צוּרִיק. זַייעֶנְדִיג דָאס עֶרְשְׁטְן מָאל אִין אוּמַאן בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען און בַּאגֵייסְטֶערְט פוּן דֶעם אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס קוּמֶען צוּ מַיין צִיּוּן און זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ פוּן תִּיקוּן הַכְּלָלִי וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית". אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע רָצוֹן אַז מַיין טַאטֶע זָאל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען כָאטְשׁ אֵיין מָאל אִין לֶעבְּן און זוֹכֶה זַיין צוּ זָאגְן דָארְט דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶענוּמֶען מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף דֶעם.

מַיין טַאטֶע אִיז נִישְׁט קֵיין בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר, אָבֶּער דֶער אֱמֶת'ער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז עֶר אִיז קְרַאנְק אוֹיף זַיינֶע פִיס און קֶען נִישְׁט גֵיין אַלֵיין, עֶר זִיצְט אַ גַאנְצֶע צַייט אִין אַ רֶעדֶער-שְׁטוּל, אוֹיךְ פַארְמָאגְט עֶר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע בֶּעט, דֶערְפַאר נֶעכְטִיגְט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט אִיבֶּער אִין אַ פְרֶעמְדֶע שְׁטוּבּ.

וֶוען מַיינֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער הָאבְּן גֶעהֶערְט ווִי אִיךְ פַארְמֶער תְּפִלּוֹת וֶועגְן אוּמַאן, הָאבְּן זֵיי גֶעלַאכְט פוּן מִיר און גֶעזָאגְט: "לָאז זִיךְ אָפּ פוּן דַיינֶע נַארִישְׁקַייטְן, דוּ ווֵייסְט נִישְׁט אַז טַאטִי אִיז אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי מוֹשִׁי'ס (מַיין שְׁוָואגֶערְ'ס) בַּאוואַרְפְן? ווִי פַאלְט דִיר אַיין אַז עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען אִין אַ צְוֵוייטְן לַאנְד??"

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, ווַייל אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט עֶפֶּעס וָואס זֵיי ווֵייסְן נִישְׁט, אַז מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס פוּעֶלְן, נִישְׁט קֵיין

אוּנְטֶערְשֵׁייד צְווִישְׁן שְׁוֶוערֶע אָדֶער גְרִינְגֶע זַאכְן, אַזוֹי אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעווּאוּסְט אַז מֶען עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ בַּיים רֶבִּי'ן פּוֹעֶלְ'ט מֶען זִיכֶער!

עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ תְּקוּפָה וָואס אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל. אִין אַ טָאג קוּמְט אֵיינֶער אַרַיין צוּ מַיין טַאטְן אוּן זָאגְט אִים אַז עֶפֶּעס אַ גְרוּפֶּע דָאקְטוֹירִים הָאבְּן אַ גֶעווִיסֶע אוּמְלֶעגַאלֶע מֶעדֶעצִין פַאר זַיינֶע פִּיס, דֶערִיבֶּער הַאנְדְלְט מֶען נִישְׁט מִיט דֶעם אִין דִי גֶעווֶענְלִיכֶע לֶענְדֶער, אָבֶער עֶס זֶענֶען פַארְהַאנֶען אַ גֶעווִיסֶע גְרוּפֶּע דָאקְטוֹירִים אִין אוּקְרֵיינֶע וָואס הַאנְדְלֶען יָא דֶערְמִיט אוּנְטֶערְן טִישׁ.

מַיין טַאטֶע הָאט עֶס אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר עֶרְנְסְט אוּן זִיךְ גְלַייךְ פַארְבִּינְדְן מִיט דִי גְרוּפֶּע, זֵיי הָאבְּן אִים קַאלְטְבְּלוּטִיג גֶעמָאלְדְן אַז עֶר וֶועט צָאלְן אַ פְּרַייז, נִישְׁט וֵוייניגֶער פוּן 70,000 דָאלַאר !! מַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען גְרֵייט צוּ צָאלְן דֶעם פוּלְן פְּרַייז. דֶער עִיקָר אַז עֶר זָאל שׁוֹין קֶענֶען גֵיין מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע פִּיס גֶעזוּנְטֶערְהֵייט!

אִיךְ שְׁטֵיי אִין דֶער זַייט אוּן זֶע ווִי מַיין חָלוֹם הֵייבְּט אָן וֶוערְן פַארְווִירְקְלִיכְט, מַיין תְּפִלָּה וֶוערְט גֶעהֶערְט. לְמַעֲשֶׂה הָאט מַיין טַאטֶע גוּט גֶעווּאוּסְט ווִי שְׁוֶוער עֶס וֶועט אִים אָנְקוּמֶען אוּן וויִפִיל כּוֹחוֹת דָאס וֶועט אִים אָפְּקָאסְטְן, אָבֶער עֶר הָאט אוֹיף גָארְנִישְׁט גֶעקוּקְט אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף דִי שְׁוֶוערֶע רַייזֶע. ווִי נָאר עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעשְׁטִיגְן פוּן עֶרָאפְּלַאן אִין לוּפְט-פֶעלְד פוּן קִיֶעוו, הָאט אִים אָפְּגֶעוַוארְט אַ בַּאקְוֶועמֶע טֶעקְסִי פוּן דִי גְרוּפֶּע וֶועלְכֶע וֶועלְן אִים פִירְן צוּ אַ טַייעֶרְן הָאטֶעל אִין גֶעגְנְט.

פְּלוּצְלִינְג אִיז פַאר מַיין טַאטְן אַרַיין עֶפֶּעס אִין קָאפּ... אַז עֶר מוּז קוֹדֶם פָּארְן קַיין אוּמַאן צוּם צִיוּן פוּן רֶבִּי נַחְמָן אוּן זָאגְן דָארְטְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי. מַיין טַאטֶע אִיז אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן, אוֹיבּ הָאט עֶר עֶפֶּעס מַחְלִיט גֶעוֶוען וֶועט עֶר עֶס גֶעווִיס אוֹיסְפִירְן אָן זִיךְ בִּיקְן פַאר קֵיינֶעם.

אֶפְשָׁר פָּארְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְרוּעֶן פוּן דִי שְׁוֶוערֶע רַייזֶע? הָאט אִים זַיין גֶעהִילְף גֶעפְרֶעגְט? נִישְׁטָא מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן! "פַאר אִיךְ גֵיי צוּ ר' נַחְמָן פָאר אִיךְ אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט" הָאט מַיין טַאטֶע מִיט זִיכֶערְהֵייט אוֹיסְגֶערוּפְן.

"עֶס אִיז אָבֶער אִיבֶּער דַיינֶע כּוֹחוֹת, עֶס אִיז מַמָּשׁ סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת", הָאט דֶער יֶענִיגֶער פְּרוּבִּירְט אִים אִיבֶּערְרֶעדְן. אָבֶער מַיין טַאטֶע הַאלְט זִיךְ בַּיי דָאס זַיינִיגֶע. דֶער דְרַייוֶוער הָאט בְּלִית בְּרֵירָה אוֹיסְגֶעדְרֵייט דָאס רֶעדְל צוּ פָּארְן קַיין אוּמַאן.

צוּ מַיין גְרוֹיס פְרֵייד, אִיז מַיין טַאטֶע אָנְגֶעקוּמֶען צוּם צִיוּן הַקָּדוֹשׁ אוּן הָאט טַאקֶע זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זָאגְן דָארְט דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי. פוּן דָארְט אִיז עֶר גְלַייךְ אָפְּגֶעפָארְן צוּם הָאטֶעל, ווִי מֶען הָאט אִים סֶערְווִירְט פוּן שֶׁענְסְטְן אוּן בֶּעסְטְן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מַיין טַאטֶע הָאט פוּן גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טוֹעֵם זַיין וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען כָּשֵׁר, דִי גְרוּפֶּע הָאבְּן דָאס אַלֶעס צוּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן בַּאצָאלְט. מַיין טַאטֶע אִיז אַרִיבֶּער דִי

מֶעדִיצִינִישֶׁע בַּאהַאנְדְלוּנְגֶען אָבֶּער עֶס אִיז גֶעוֶוען ווִי אוֹיסְגֶעזוֹיגְן פוּן דִי פִינְגֶער, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט מַשְׁפִּיעַ גֶעוֶוען אוֹיף אִים. לַיידֶער אִיז עֶר אַהֵיים גֶעפָארְן פוּן שְׁפִּיטָאל פִיל מִיט עַגְמַת נֶפֶשׁ, אָבֶּער בַּיי מִיר אִין הַארְץ הָאבּ אִיךְ גוּט גֶעוואוּסְט צוּלִיבּ וֶועלְכֶע סִבָּה עֶר אִיז גֶעקוּמֶען קַיין קִיֶעוו, וַוייל עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ הַזְמָנָה פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק, דֶער גְרוֹיסֶער דָאקְטָאר. אֲפִילוּ אַזַא קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ וָואס שְׁלֶעפְּט זִיךְ קוֹים בִּיזְן שׁוּל, וָואס הָאט מִיר גֶעמַאכְט אוֹיסְזֶען אוּמְמֶעגְלִיךְ אִים צוּ זֶען אִין אוּמַאן הָאט בִּזְכוּת מַיינֶע תְּפִלּוֹת זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּם גְרוֹיסְן תִּיקוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי אֶמֶת'ע רֵיינֶע רְפוּאָה... אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער זָאגְט אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אוּן אִיךְ הֵייל זִי...

## מַיין וֶועג קַיין אוּמַאן אִינְמִיטְן חָלוֹם

אֲרִי' לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע, עֶר גְרֵייט אָן נֶעגְל וַואסֶער, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרַיינְצוּגֵיין אִין בֶּעט. עֶס אִיז צְוֵויי טֶעג פַאר שַׁבַּת סְלִיחוֹת, אִין שְׁטוּבּ אִיז לֶעבֶּעדִיג, אַרִי'ס טַאטֶע אוּן צְוֵויי בְּרִידֶער - בָּחוּרִים לָאזְן זִיךְ יֶעצְט אַרוֹיס קַיין אוּמַאן צוּם קִבּוּץ אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער פַאר אֲרִי' אִיז עֶס זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶר בְּלַייבְּט אִיבֶּער אִינְדֶערְהֵיים, עֶר הָאט דָאךְ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוּן גֶעבֶּעטְן בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר וִויל אוֹיךְ פָארְן. אָבֶּער דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט וָואס עֶס אִיז גוּט פַאר אִים, עֶר זֶעט נָאךְ ווִי מֶען שְׁלֶעפְּט אַלֶע רֶענְצְלֶעךְ אוּן דִי טִיר וֶוערְט פַארְמַאכְט, זֵיי גֶעבְּן צְדָקָה פַארְן אַרוֹיסְפָארְן אוֹיף אַזַא לַאנְגֶע וֶועג אוּן...

עֶנְדְלִיךְ פַארְמַאכְט אֲרִי' זַיינֶע אוֹיגֶעלֶעךְ אוּן שְׁלָאפְט אַיין אַ זִיסֶער שְׁלָאף...

"אֵיינֶער פֶּעלְט" רוּפְט אוֹיס פֶּעטֶער יֶענְקְל, שְׁטֵייעֶנְדִיג אִין לוּפְט-פֶּעלְד דְרַיי אַזֵייגֶער בַּיינַאכְט מִיט אַלֶע רֶענְצְלֶעךְ גְרֵייט אוֹיפְצוּגֶעבְּן. וֶוער פֶּעלְט?! קוּקְן אַלֶע מִיט וואוּנְדֶער!

יֶענְקְל נֶעמְט נָאכְאַמָאל אַפִּיר אַלֶע טִיקֶעטְס וָואס עֶר הָאט נֶעכְטְן אַרוֹיסְגֶעדְרוּקְט אוּן אִיז סְפֶּעצִיעל אַרָאפּ צוּ זַיין חָבֵר וָואס קֶען לֵיינֶען עֶנְגְלִישׁ עֶר זָאל אִים פָארְלֵיינֶען צוּ עֶר הָאט טַאקֶע אַרוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַלֶעמֶענְס בִּילֶעטְן.

צְווִישְׁן דֶער זֵיידֶע בְּרוּדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ פוּן מִשְׁפַּחַת ל. וֶועלְכֶע הָאבְּן צוּזַאמֶען גֶעקוֹיפְט סְפֶּעצִיעֶלֶע בִּילִיגֶע טִיקֶעטְס, בַּיי זֵייעֶר טְרַאוֶועל אַגֶענְט וָואס אִיז שׁוֹין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דֶעם, עֶר קֶען שׁוֹין כִּמְעַט אוֹיסְנֶווייניג דִי נֶעמֶען פוּן מִשְׁפַּחַת ל. זֵיי קוֹיפְן אַלֶע יָארְן דִי טִיקֶעטְס אוּן בַּאשְׁטֶעלְן דִי וֶועגְן קַיין אוּמַאן. אָבֶּער דֶער אַגֶענְט הָאט דָאסְמָאל אוֹיךְ (בְּטָעוּת?) צוּגֶעלֵייגְט אֵיין נָאמֶען וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אִין קָאמְפְּיוּטֶער, אֲרִי' ל.

אַרִי'ס טַאטֶע וואוֹינְט אִין בְּנֵי בְּרַק, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז מֶען הָאט בַּאשְׁטֶעלְט אַ טִיקֶעט פַאר זַיין נַיין יֶערִיגֶער אִינְגְל. פֶּעטֶער יֶענְקְל וואוֹינְט אִין יְרוּשָׁלַיִם עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פַארְוָועם מֶען הָאט בַּאשְׁטֶעלְט טִיקֶעטְס וַוייל דֶער עֶלְטֶערֶער בְּרוּדֶער מֹשֶׁה הָאט דָאס בַּאשְׁטֶעלְט אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אָפְּגֶעפָארְן אָנְהֵייבּ וָואךְ קַיין אוּמַאן, מֹשֶׁה הָאט נָאךְ אָנְגֶעיָאגְט - פַארְן אַרוֹיסְפָארְן קַיין אוּמַאן צוּ קְלִינְגֶען יֶענְקְל עֶר זָאל זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי טִיקֶעטְס.

שְׁטֵייעֶן דָא אִין עֶירְפָּארְט עֶטְלִיכֶע בְּרוּדֶער פוּן מִשְׁפַּחַת ל. אוּן אֵיין טִיקֶעט הָאט נִישְׁט קַיין פַּאסְפָּארְט... אֲרִי' ל. הָאט אַ טִיקֶעט אָבֶּער עֶר אִיז נִישְׁט דָא.

וָואס זָאל מֶען טוּן?! פַּארְפַּאלְן! סַיי ווִי אַ בִּילִיגֶע טִיקֶעט, שׁוֹין זָאל זַיין אַזוֹי. אָבֶּער נֵיין ווֶערְט אַ טַענָה'רַיי צְווִישְׁן דִי בְּרִידֶער: "מֹשֶׁה, דַיין אֲרִי' הָאט שׁוֹין אַ טִיקֶעט פַּארְוָואס זָאל עֶר נִישְׁט פָּארְן?".

"אֲרִי' לֶערְנְט אִין אַ חָשׁוּבֶ'ע תַּלְמוּד תּוֹרָה, עֶס לֶערְנֶען דָארְט נִישְׁט קַיין סַךְ קִינְדֶער, דֶער מַשְׁגִּיחַ ווֶעט זִיכֶער זַיין בְּרֹגֶז אַז אִיךְ ווֶעל אִים אַוֶועקְנֶעמֶען אוֹיף אַזוֹיפִיל טֶעג פוּן חֶדֶר" עֶרְקְלֶערְט זֵיי מֹשֶׁה.

עֶס ווֶערְט אַ שׁוּשְׁקֶעַרַיי, יֶעדֶער זָאגְט זַיינֶע דֵּעוֹת. דִי זֵייגֶער הָאט אוֹיךְ וָואס צוּ זָאגְן, עֶס אִיז ווֵיינִיגֶער פוּן צְווֵיי שָׁעָה צוּם פְּלִיגֶער זִיךְ צוּ הֵייבְּן, מֹשֶׁה מַאכְט אַ שְׁנֶעלְן יִשּׁוּב הַדַּעַת, עֶר נֶעמְט מִיט קוּרַאזְשׁ דֶעם טֶעלֶעפָאן אִין הַאנְט אוּן קְלִינְגְט דֶעם מַשְׁגִּיחַ... דְרַיי אַזֵייגֶער בַּיינַאכְט...

עֶס קְלִינְגְט דְרַיי מָאל אוּן עֶר הַאקְט שְׁנֶעל אַרָאפּ... עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ הַאלְבֶּע מִינוּט, דֶער מַשְׁגִּיחַ קְלִינְגְט צוּרִיק, מֹשֶׁה גִיבְּט נִישְׁט צוּפִיל צַייט, עֶר אִיז שְׁנֶעל מַסְבִּיר פַארְן מַשְׁגִּיחַ דֶער מַצָּב וָואס הָאט אִים גֶעצְווּינְגֶען צוּ רוּפְן טִיף אִין נַאכְט, "אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶענוּמֶען אַזַא חֻצְפָּה, נָאר אִיךְ שְׁטֵיי אִין לוּפְטְפֶּעלְד, מַיין אֲרִי' הָאט אַ טִיקֶעט קַיין אוּמַאן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גְעווּאוּסְט... אִיךְ ווֵייס אַז עֶר הָאט ווִיכְטִיגֶע לִמּוּדִים אִין חֶדֶר, אִיךְ בִּין דָאךְ אוֹיךְ אַ מְלַמֵּד, עֶרְקְלֶערְט מֹשֶׁה, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי ווִי ווִיכְטִיג ס'אִיז פַאר אַ אִינְגְל צוּ מִיטְהַאלְטְן, אָבֶּער...

דֶער מַשְׁגִּיחַ מַאכְט אַ שְׁנֶעלְן חֶשְׁבּוֹן. 'דִי פְּרָקִים קֶען שׁוֹין אֲרִי', דִי בְּלֶעטֶער אוֹיךְ, אָקֶעי, עֶר דַארְף נָאךְ אִיבֶּערְלֶערְנֶען פוּן דַּף... בִּיז דַּף...' "אִיךְ פַּארְלָאז זִיךְ אוֹיף אַזַא גוּטֶער מְלַמֵּד ווִי דִיר אַז דַיין אֲרִי' ווֶעט אִין אוּמַאן אִיבֶּערְלֶערְנֶען דִי פָּאר בְּלֶעטֶער גְּמָרָא, פָּארְטְס לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם אוּן פּוֹעֶלְ'ט אוֹיס אַלֶעס גוּטְס, אַ גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה..."

ווִי דֶערְזֶעט מֶען יֶעצְט דֶעם קְלֵיינֶעם אֲרִי' אִין לוּפְטְפֶעלְד, מֶען קְלִינְגְט אַהֵיים אִין שְׁטוּבּ, אַלֶע קִינְדֶער ווֶעקְן זִיךְ אוֹיף ווֶען דִי מַאמֶע טְרַייבְּט אַרוֹיס אֲרִי' פוּן בֶּעט, מֶען פַּאקְט צוּזַאם אִין אַ זֶעקְל וָואס מֶען זֶעט פַאר דִי אוֹיגְן... דִי אִיבֶּערִיגֶע ווֶעט מֶען שׁוֹין נָאכְשִׁיקְן... מֶען בַּאשְׁטֶעלְט אַ הֵיימִישְׁן דְרַייוֶוער אוּן יַעְנְקִי אִיז אוֹיפְן ווֶעג...

אַ שָׁעָה פַאר דֶער פְלִיגֶער הֵייבְּט זִיךְ שְׁטֵייט אֲרִי' מִיט זַיין פַּאסְפָּארְט בַּיים אַיינְטְשֶׁעקְן, דֶער אַרְבֶּעטֶער וָואס הָאט אַבִּיסְל מִיטְגֶעהַאלְטְן דִי סְצֶענֶע רוּפְט זִיךְ אָן: "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אוֹיפְן לִיסְט אַז אֵיין קִינְד פֶעלְט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעווָואלְט אַרַיינְמִישְׁן, אָבֶּער אִיךְ זֶע אַז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען...".

אֲרִי' אִיז נָאךְ אִינְמִיטְן חָלוֹם ווֶען עֶר זֶעט זִיךְ זִיצְן אִין עֶרָאפְּלַאן, מֶען הֵייבְּט זִיךְ שׁוֹין, מֶען פָּארְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן... מַיין תְּפִלָּה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוּמְזִינְסְט, דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט מִיךְ אוֹיסְגֶעהֶערְט!

(מַעֲשֶׂה שֶׁהָיָה עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה תשפ"ד, נֶעמֶען גֶעטוֹישְׁט)



# אויפגעטרישט די גזירה

אַ פַּחַד און אַ שְׁרֶעק הֶערְשְׁט אִין דִי שְׁטָאט אוּמַאן אִין יֶעדְן ווינְקְל. אַ גֶעפֶערְלִיכֶע מַגֵּפָה הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט צְווִישְׁן דִי אַיינְוואוֹינֶער, עֶס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט פַארְהַאן קֵיין אֵיין מִשְׁפָּחָה וָואס אִיז נִישְׁט בַּאטְרָאפְן גֶעוָוארְן פוּן דִי מַגֵּפָה. דִי הֶענְט פוּן דִי חֶבְרָא קַדִּישָׁא זֶענֶען לַיידֶער גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶעפוּלְט מִיט אַרְבֶּעט.

דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת שׁוֹינְט נִישְׁט קֵיינֶעם, יוּנְגֶעלַייטְלֶעךְ, פְרוֹיעֶן מִיט קִינְדֶער, אוֹיךְ זֵיי וֶוערְן גֶעצֵיילְט צְווִישְׁן דִי טוֹיטֶע אִין דֶעם שְׁרֶעקְלִיכְן אַפִּידֶעמְיֶע.

דִי שׁוּל'ן אִין אוּמַאן זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעפוּלְט מִיט מִתְפַּלְּלִים, דִי בְּרֶסְלֶבֶ'עַ חֲסִידִים הֶערְן נִישְׁט אוֹיף צוּ דַאוֶונֶען בַּיים צִיּוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זֵייעֶרֶע תְּפִלּוֹת שְׁפַּאלְטְן הִימְלֶען, אָבֶּער דִי אַפִּידֶעמְיֶע גֵייט וַוייטֶער אָן, און פַארְשְׁפְּרֵייט זִיךְ וַוייטֶער מִיט יֶעדֶע פַארְבַּייגֵייעֶנְדֶע טָאג צוּלֵייגְנְדִיג נָאךְ טוֹיטֶע.

דִי מַגֵּפָה הָאט נִישְׁט גֶעשְׁפֶּעטִיגְט אָנְצוּקוּמֶען אוֹיךְ בִּיזְן טִיר פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ, נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר זִי הָאט זִיךְ ווילְד אַרוֹיפְגֶעוָוארְפְן אוֹיף אֵיינֶעם פוּן דִי אוֹיסְגֶעצֵייכֶענְסְטֶע פוּן דִי חֲבוּרָה, דָאס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין אַנְדֶערֶער ווִי דֶער חָסִיד הָרַב הַגָּאוֹן רֶבִּי מַתִּתְיִ' בַּארְזֶעסְקִי זְצוּקַ"ל, דֶער אוֹיסְטֶערְלִישֶׁער שָׂרָף און פָּרוּשׁ, אַן אוֹיסְגֶערוּפֶענֶער תַּלְמִיד חָכָם מִיט וֶועם דֶער רָב פוּן שְׁטָאט רֶעדְט זִיךְ דוּרְךְ מִיט אִים שְׁוֶוערֶע הֲלָכָה'דִיגֶע שְׁאֵלוֹת - פּוּנְקְט עֶר אִיז יֶעצְט אָנְגֶעטְרָאפְן גֶעוָוארְן מִיט דִי טוֹיטְלִיכֶע מַחֲלָה.

דֶער צוּשְׁטַאנְד פוּן ר' מַתִּתְיִ' הָאט זִיךְ שַׁארְף פַארְעֶרְגֶערְט, יֶעדֶע פְּרוּוו אִים צוּ פַארְגְרִינְגֶערְן און אִים הֵיילְן הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזְט מִיט גָארְנִישְׁט, זַיין קֶערְפֶּער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַיינְגֵיין, בִּיז עֶס הָאט זִיךְ שׁוֹין קְלָאר אָנְגֶעזֶען אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין מֶער צוּ דִי זַייט פוּן דִי טוֹיטֶע ווִי צוּ דִי




לֶעבֶּעדִיגֶע. דִי קְרֶענְק הָאט אִים גֶענְצְלִיךְ פַּארַאלִיזִירְט אִים נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּנְדִיג אַרָאפְּצוּטְרֶעטְן פוּן בֶּעט.

אִין יֶענֶע טֶעג הָאט זִיךְ דִי מַאמֶע פוּן ר' מַתִּתְיָ', דִי צַדֵיקֶת מָרַת גִיטְל, אַיינְקְוואַרְטִירְט אִין אוּמַאן. גֶעוֶוען אִיז דָאס דִי הַשְׁגָחָה עֶלְיוֹנָה וָואס הָאט אַזוֹי צוּגֶעפִּירְט אִיר אַרִיבֶּערְצוּבְּרֶענְגֶען פוּן דֶעם וַוייטְן פּוֹילְן קַיין אוּמַאן, דַוְקָא אִין אַט דִי שְׁוֶוערֶע מָאמֶענְטְן.

גֶעוֶוען אִיז דָאס וֶוען זִי הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן עֶלְטֶערְן אִין פְרֵיידְן נָאכְ'ן אוֹיסְגֶעבְּן אַלֶע אִירֶע קִינְדֶער פוּן שְׁטוּב, צְווִישְׁן זֵיי דֶער חָסִיד ר' יִצְחָק גֶּרְשׁוֹן בַּארְזֶעסְקִי פוּן וַוארְשֶׁע (דֶער טַאטֶע פוּן הרה"ח ר' יַעֲקֹב זְאֵב בַּארְזֶעסְקִי זַ"ל וָואס אִיז שְׁפֶּעטֶער אַרוֹיף קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל) אוּן מִיט דִי אֵיינְפְלוּס פוּן אִירֶע קִינְדֶער, אִיז זִי מִיט אִיר מַאן ר' נָחוּם גֶעוָוארְן גֶעטְרַייעֶ בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים.

דִי אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע מַאמֶע הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואו זִיךְ אַהִינְצוּטָאן, זִי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען מְסוּגָל צוּצוּקוּקְן וְוִיאַזוֹי אִיר טַייעֶרֶע תַּכְשִׁיטְ'ל גֵייט אַיין, פָּארְנְט פַאר אִירֶע אוֹיגְן, זִי הָאט גֶעלֵייגְט פַאר אִירֶע

אוֹיגְן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע קְדוּשָׁה פוּן ר' מַתִּתְיָ', זַיין גֶעוַואלְדִיגֶע הַתְמָדָה, וְוִיאַזוֹי עֶר לֶערְנְט מִיט אַזַא זֶעלְטֶענֶע מְתִיקוּת אוּן הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶפֶשׁ. זִי דֶערְמַאנְט זִיךְ וְוִיאַזוֹי פוּן קְלֵיינְוַוייז אָן אִיז עֶר גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט "אָמַר אַבַּיֵי..." אוּן פְּלוּצְלִינְג הֵייבְּט זִי אוֹיף אִירֶע אוֹיגְן צוּם הִימְל, אוּן זִי גִיסְט זִיךְ אוֹיס אִיר הַארְץ וְוִי אַ קְלֵיין בֶּעטְנְדִיג קִינְד "אוֹי, הֵיילִיגֶער אַבַּיֵי... אִיךְ בֶּעט דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר אִין דֶער זְכוּת פוּן אַבַּיֵי..."

וָואס וָואלְט דִי צַדֵיקֶת נִישְׁט גֶעטוּן פַאר אִיר קִינְד - אַלֶעס וָואס קֶען נָאר אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיפְן גֶעדַאנְק כְּדֵי אִיבֶּערְצוּלָאזְן ר' מַתִּתְיָ'ן בַּיים לֶעבְּן. לַאנְגֶע שָׁעוֹת הָאט זִי פַארְבְּרֶענְגְט בַּיים צִיּוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אָבֶּער דִי טֶעג זֶענֶען פָארְאוֹיס גֶעלָאפְן, אוֹיסְגֶעזֶען הָאט עֶס וְוִי דִי טוֹיעֶרְן פוּן הִימְל זֶענֶען פַארְשְׁלָאסְן, דֶער צוּשְׁטַאנְד פוּנֶעם חוֹלֶה הָאט זִיךְ קְרִיטִישׁ פַארֶערְגֶערְט, אָט רִישְׁט מֶען זִיךְ אוֹיפְן עֶרְגְסְטְן... וֶוען דִי מַאמֶע, דִי צַדֵיקֶת גִיטְל, הָאט גֶעזֶען וואו עֶס הַאלְט דִי מַצָב, הָאט זִי זִיךְ אָנְגֶעגַארְטֶעלְט מִיט אַ זֶעלְטֶענֶע שְׁטַארְקֵייט אוּן אִיז וִוידֶער אַרוֹיף צוּם צִיּוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן הָאט

אויסגעפּלאַצט אין אַ יאָמערליכן געוויין, פון טיפענישׁ פון האַרצן ווענדט זי זיך צום רבּי'ן און שׁרייט: "רבּי! איך בין שׁוין אַן אַלטע פרוי, איך האָב שׁוין זוכה געווען חתונה צו מאַכן אַלע מיינע קינדער וואס דער אויבערשׁטער האָט מיר געשׁאָנקען, מיין לעבן איז שׁוין נישׁט אַזוי חשׁוב ווי דאס לעבן פון מיין קינד ר' מתתי', ער איז נאָך יונג, ער פאַרמאָגט אַ ווייב מיט קליינע קינדער וועלכע זענען אָנגעוויזן אויף אים" און דאַן מיט אירע טיפסטע שׁטורמישׁע געפילן רופט זי אויס: "איך וויל מאַכן אַ 'טויש'... אויב עס איז שׁוין אָפּגעסטעמפּלט די גזירה וויל איך אַז דאָס זאָל גיין אויף מיר, איך וועל גיין אַנשׁטאָט מיין קינד מתתי' און ער זאָל געזונט ווערן און פאַרבלייבן ביים לעבן..."

פאַרענדיגנדיג איר הייסע מאָדנע תּפלה געבט זי אַ קישׁ דעם הייליגן ציון, זי קערט זיך צוריק צו איר שׁטוב, זי גייט אַריין אין בעט, ליינט ערליך קריאַת שׁמע מיט כּוונה, ווען נאָך אין יענע נאַכט פאַרשׁפּרייט זיך די פאַרכטיגע שׁמועה: די איבערגעגעבענע מאַמע די צדיקת איז נפטר געוואָרן!!!

פון די אַנדערע זייט האָט זיך באַשׁיינפּערליך אָנגעזען די וואונדערליכע נס, די באַקן פונעם קריטישׁן חולה איז ווי פון פרישׁ געפאַרבט געוואָרן, ווען די אַרומיגע זענען בחושׁ פון שׁעה צו שׁעה וויאַזוי זיין מצב גייט צום פאַרבעסערונג מיט אַ שׁנעלע אימפּעט, העכער דעם נאַטורליכן שׁטייגער.

נאָך אין יענע טאָג איז פאָרגעקומען די לוויה וואס איז אַרויס אויף איר וועג צו די זייט פונעם נייעם בית-החיים, ווען צום גרויס וואונדער ווערט זי באַגלייט אין שׁפּיץ פון איר זוהן ר' מתתי', וואס שׁטייט אויף זיינע צוויי פיס געזונט און שׁטאַרק.

ר' מתתי' האָט זוכה געווען צו נאָך אַסאַך גוטע געזונטע יאָרן אַלץ אין זכות פון זיין חשׁובע'ע מאַמע וואס האָט געמאַכט אַ בייט צו שׁענקען איר זון אַ מתּנה, לעבן!

המשך פון זייט 2

דער ריינער קוואל

מיט גרויס כּוונה און מיט אַ גרויסע התעוררות אַזוי ווי אַ איד דאַרף דאַווענען און זיך אויף פירן אין יום טוב. העלף מיר באַשׁעפער צו מאַכן אַסאַך מצות אַ גאַנץ יאָר מיט גרויס שׂמחה און מיט גרויס קדושה און אַלע מצות זאָלן זיך צאַמקומען צו די הייליגע האַרץ וואס דאָס איז די שׁלשׁ רגלים, און דורך דעם וועלן מיר זוכה זיין צו שׂמחת יום טוב באמת, און מיר זאָלן גאָר פרייליך זיין אויף דעם וואס די האָסט אונז אויסגעקליבן פון אַלע פעלקער.

אַ דערמאַנונג פאַר אַלע קינדער. קומענדיגן דינסטאָג ח"י תּשׁרי איז דעם הייליגן רבּי'נס יאָרצייט, לאָמיר אַריין כאַפּן וואס מען קען אין דעם הייליגן טאָג.

דער אייבערשׁטער זאָל העלפן עס זאָל שׁוין מקוים ווערן די תּפלה פון יום טוב "בּנה ביתך כּבתחלה וכונן מקדשׁך על מכונו, ושׁם נעלה ונראה ונשׁתּחוה לפניך בשׁלשׁ פּעמי רגלנו" אַ לעכטיגן און יום טוב.

# א שמועס מיט'ן זיידן



## אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם

**בֶּערֶעלֶע – שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם זֵיידִי, אִיר זֶענְט נָאר לֶעצְטֶע וָואךְ אָנְגֶעקוּמֶען פוּן אוּמַאן נָאךְ אַ לַאנְגֶע רַייזֶע.**

זֵיידֶע – הָא, גֶעוַואלְדִיג! גֶעלוֹיבְּט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער. טַאקֶע אַ לַאנְגֶע נְסִיעָה גֶעוֶוען. אִיךְ בִּין אַהֵיים גֶעקוּמֶען זֵייעֶר אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן אַזוֹי אַסַאךְ שָׁעוֹת פָּארְן, אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם, כְ'הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן קִבּוּץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן, דָאס וֶועגְט אַלֶעס אִיבֶּער! דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "אַז וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר!"

**בֶּערֶעלֶע – אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע קִבּוּץ דָאס יָאר, אַסַאךְ אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ פָּארְן.**

זֵיידֶע – יָא, סְ'אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע קִדּוּשׁ הַשֵּׁם צוּ זֶעהְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל פוּן אַלֶע קְרֵייזְן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען בַּיים גְרוֹיסְן צַדִּיק דֶער רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִיט אַזַא שִׂמְחָה, וֶוען יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז אַרִיבֶּער אַ לַאנְגֶע רַייזֶע בִּיזְן אָנְקוּמֶען. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז פוּנֶעם גֵיין נֶעמֶען דִי פֶערְד צוּ פָּארְן צוּ אִים, אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶע טְרִיט וָואס מִיר פָּארְן צוּ אִים וֶוערְט פוּן דֶעם גְרוֹיסֶע זַאכְן! גֶעבּ אַ טְרַאכְט וִויפִיל טְרִיט אוּן וֶועגְן אִיז דִי יָאר גֶעוֶוען בַּיי דִי נְסִיעָה צוּם רֶבִּי'ן? וִויפִיל תִּקּוּנִים הָאט מֶען זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַאכְן דָאס יָאר? לָאמִיר הָאפְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאלְן אוּנְז גֶעבְּן אַ זִיס יָאר. מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, עוֹבְדֵי הַשֵּׁם בֶּאֱמֶת וִוי אַזוֹי דֶעם רֶבִּינְ'ס ווִילְן אִיז גֶעוֶוען.

**בֶּערֶעלֶע – עֶס זֶעט מִיר אוֹיס אַז נָאר גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן קֶענֶען זַיין עוֹבְדֵי הַשֵּׁם...**

זֵיידֶע – אוֹי וֵויי בֶּערֶעלֶע, פַארְוָואס זָאגְסְטוּ אַזוֹי?

**בֶּערֶעלֶע – ווִי אַזוֹי קֶענֶען קִינְדֶער זַיין עוֹבְדֵי הַשֵּׁם? אָנְהוֹיבּ חֹדֶשׁ אֱלוּל הָאבּ אִיךְ בַּאשְׁלָאסְן בַּיי מִיר אַז אִיךְ גֵיי דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן! זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין! כְ'הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ גֵיי לֶערְנֶען לַאנְגֶע שָׁעוֹת, אוּן דַאוֶוענֶען הוֹיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, אִינְזִינֶען הָאבְּן יֶעדֶעס וָוארְט... כְּהָאבּ גֶעוָואלְט גֵיין בַּיינַאכְט אִין דִי וֶועלְדֶער צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אַזוֹי ווִי ר' שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא אוּן אַלֶע גְרוֹיסֶע**

**עוֹבְדִים..., אוֹיסְרַייסְן מַיין כֵּעס און מֶער זיך קַיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן....**

זֵיידֶע – הו הָא... הו הָא... גְרוֹיסֶע זַאכְן הָאסְטוּ גֶעוָואלְט...

**בֶּערֶעלֶע – אָבֶּער כ'הָאב גֶעוָואלְט און ס'אִיז גָארְנִישְׁט גֶעוָוארְן פוּן דֶעם... לֶערְנֶען אַבִּיסְל מֶער אִיז מִיר גֶעוֶוען שְׁוֶוער, וֶוער רֶעדְט פוּן לַאנְגֶע שָׁעוֹת... און דַאוֶוענֶען הוֹיךְ אִין שׁוּל הָאב אִיךְ זִיךְ גֶעשֶׁעמְט זִיךְ צוּ נֶעמֶען שְׁרֵייעֶן... וֶוען מַיין מַאמֶע הָאט גֶעהֶערְט אַז אִיךְ וִויל גֵיין אִין וַואלְד הָאט זִי מִיר שְׁטְרֶענְג אָנְגֶעזָאגְט אַז זִי לָאזְט נִישְׁט בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן!... נִישְׁט בַּיינַאכְט און נִישְׁט בַּייטָאג... שְׁפֶּעטֶער הָאב אִיךְ זִיךְ גֶעטְרָאפְן קְרִיגְן מִיט מַיין בְּרוּדֶער. וֶוער רֶעדְט וֶועגְן אוֹיסְרַייסְן שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת... הָאב אִיךְ שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען אַז גֶעעֶנְדִיגְט! אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם! אֶפְשָׁר וֶוען אִיךְ וֶועל זַיין אַ טַאטֶע...**

זֵיידֶע – חַס וְשָׁלוֹם, חַס וְשָׁלוֹם אַזוֹי צוּ טְרַאכְטְן. יֶעדֶער אִיד, גְרוֹיס און קְלֵיין, אִין יֶעדְן מַצָּב, קֶען דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן! פַאר אַלֶעם דַארְף מֶען וִויסְן אַ ווִיכְטִיגֶע כְּלַל, "פִּקּוּדֵי הַשֵּׁם יְשָׁרִים מְשַׂמְּחֵי לֵב", דִי בַּאפֶעלְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה און דִי עֵצוֹת פוּן דִי צַדִּיקִים, דַארְפְן אוּנְז פְרֵיילֶעךְ מַאכְן! ס'דַארְף אוּנְז גוּט מַאכְן אוֹיפְן הַארְצְן! אוֹיבּ עֶס אִיז נִשְׁט אַזוֹי דַארְף מֶען זֶעהְן פַארְוָואס, קֶען זַיין אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען רִיכְטִיג וָואס עֶס מֵיינְט אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם.

**בֶּערֶעלֶע – הָא, וָואס מֵיינְט אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם?**

זֵיידֶע – 'עוֹבֵד' אִיז טַייטְשׁ אַ בַּאדִינֶער, אַ בַּאדִינֶער פוּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן! וָואס טוּט אַ בַּאדִינֶער? אַלֶעס וָואס זַיין הַאר ווִילל! קוּמְט אוֹיס אַז אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם אִיז אֵיינֶער וָואס ווִיל טָאן רְצוֹן הַשֵּׁם, עֶר ווִיל טוּן אַלֶעס וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער ווִיל!

**בֶּערֶעלֶע – אִיךְ מַיין אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אַוַודְאַי אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ, דַאוֶוענֶען הוֹיךְ, און גֵיין אִין וַואלְד?!**

זֵיידֶע – דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז אַסַאךְ מָאל פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ דֶעם יֵצֶר הָרָע אוֹיף אַ גְרוֹיסֶע צַדִּיק... דֶער בַּעַל דָבָר אִיז זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ בְּמִצְוֹת, עֶר רֶעדְט אַיין דֶעם אִיד צוּ וֶועלְן גְרֶעסֶערֶע זַאכְן ווִי עֶר קֶען, גְרֶעסֶערֶע מַדְרֵיגוֹת ווִי זַיין אֱמֶת'ע פְּלַאץ אִיז, און וֶוען אֵיינֶער טוּט זַאכְן וָואס אִיז הֶעכֶער ווִי זַיינֶע כּוֹחוֹת - גֵייט עֶס נִישְׁט... אִיז עֶר זִיךְ מְיָאֵשׁ אִינְגַאנְצְן, און דָאס אִיז וָואס דֶער בַּעַל

דָּבָר וויל!

לָאמִיר דיר פְרֶעגְן, בֶּערֶעלֶע, אוּיבּ אִיךְ וֶועל דיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט מִיר בּוֹיעֶן אַ הוֹיז וֶועסְטוּ קֶענֶען?

**בֶּערֶעלֶע - נֵיין! ווי קֶען אִיךְ? מְ'קֶען נִישְׁט אוֹיף אֵיינְמָאל בּוֹיעֶן אַ הוֹיז... מֶען דַארְף קֶענֶען דִי פַּאךְ.**

זֵיידֶע - רִיכְטִיג, אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִיז אוֹיךְ אַזוֹי, מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיפְּטַאנְצְן אַפָּאר טְרֶעפְּלֶעך, נָאר מֶען דַארְף אֵייבִּיג קוּקְן וָואס וויל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער פוּן מִיר יֶעצְט, הַיינְט, אַזוֹי ווי אִיךְ בִּין יֶעצְט.

מֶען הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן, "וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי זְכוּת פוּן דִי בַּאבֶּע אָדְל עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, דִי טָאכְטֶער פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, וָואס זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז דִי בַּאבֶּע אָדְל פְלֶעגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דְרֵייעֶן מִיט אַ פְרַאגֶע, "וָואס קֶען אִיךְ יֶעצְט טוּן פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן? וָואס וויל דֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן מִיר יֶעצְט!" זִי פְלֶעגְט זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט אַ בֶּענְקֶעדִיגֶע הַארְץ צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי הָאט זִי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דִי בַּאבֶּע פוּן אַסַאךְ גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

**בֶּערֶעלֶע - ווי קֶען אִיךְ ווִיסְן וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וויל פוּן מִיר?**

זֵיידֶע - וָואס סְ'שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה, דָאס וויל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער פוּן אוּנְז! אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער - אִיז רְצוֹן הַשֵּׁם, קוּשְׁן דִי צִיצִית אִיז רְצוֹן הַשֵּׁם, עֶנְטְפֶערְן אָמֵן אִיז דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס ווִילְן. נוּ, לָאמִיר הֶערְן פוּן דִיר, וָואס הָאסְטוּ הַיינְט גֶעטוּן רְצוֹן הַשֵּׁם?

**בֶּערֶעלֶע -אממממ... כְ'הָאבּ נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַז אוֹיךְ פָּשׁוּטֶ'ע זַאכְן הֵייסְט דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן... אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעהָאלְפְן בּוֹיעֶן דִי סוּכָּה, אוּן גֶעשְׁלֶעפְּט סְכָךְ פַארְן עֶלְטֶערְן שָׁכֵן, כְ'הָאבּ גֶעדַאוְונְט שַׁחֲרִית, אוּן גֶעוֶוען שְׁטִיל בַּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה...**

זֵיידֶע - גֶעוַואלְדִיג, גֶעוַואלְדִיג, אִיךְ זֶעה אַז דוּ בִּיסְט מַמָּשׁ אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם! דֶער בַּעַל דָבָר פְּרָאבִּירְט אוּנְז נַארְן אַז צוּ זַיין אַ עוֹבֵד הַשֵּׁם דַארְף מֶען גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת, אָבֶּער דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז דֶער עִיקָר אִידִישְׁקַייט אִיז נָאר צוּ גֵיין מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, טוּן וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וויל! אָן קַיין חָכְמוֹת אוּן פְּשֶׁעטְלֶעךְ... דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען דִי גְרוֹיסֶע לִיכְטִיגְקַייט פוּן חֲסִידוּת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען,

אִין צַייטְן פוּן בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע רִיזִיגֶע רַבָּנִים אוּן לוֹמְדִים, זֵיי זֶענֶען גֶעזֶעצְן אִין בֵּית מִדְרָשׁ אוּן

גֶעלֶערְנְט טָאג און נַאכְט, אָבֶער דִי אַלֶע פְּשׁוּטֶ'ע אִידְן וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען, זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ. אַ חֵלֶק הָאבְּן גֶעווּאוֹינְט צְווִישְׁן דִי גּוֹיִם און הָאבְּן אֲפִילוּ לֵיינֶען לְשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט, זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט בְּטָעוּת אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן וַוייל זֵיי קֶענֶען נִישְׁט לֶערְנֶען און דַאוְונֶען, און נָאר דִי לוֹמְדִים, זֵיי זֶענֶען עוֹבְדֵי הַשֵּׁם... וֶועגְן דֶעם זֶענֶען זֵיי אִינְגַאנְצְן פְּרָאסְט גֶעוָוארְן און גֶעפַאלְן פוּן אִידִישְׁקַייט.

בִּיז דֶער דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעשִׁיקְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, וָואס אִיז גֶעקוּמֶען וַוייזְן פַאר אַלֶע אִידְן אַז 'מְלוֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ אוּמֶעטוּם און יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען אִים דִינֶען!' עֶר הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט צְווִישְׁן דִי דֶערְפְלֶעך און גֶערֶעדְט מִיט דִי פְּשׁוּטֶ'ע אִידְן, דִי וַואסֶער טְרֶעגֶערְס, דִי שׁוּסְטֶערְס און שְׁנַיידֶערְס און זֵיי גֶעשְׁטַארְקְט אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי זֵייעֶר לִיבּ, עֶר וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן זֵיי אֲפִילוּ פְּשׁוּטֶע וֶוערְטֶער. יֶעדֶע קְלֵיינֶע מִצְוָה וָואס זֵיי הִיטְן אָפּ הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער גְרוֹיס נַחַת פוּן דֶעם. אַזוֹי הָאט דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב און שְׁפֶּעטֶער זַיינֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים מְחַזֵק גֶעוֶוען און אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן טוֹיזְנְטֶער נְשָׁמוֹת, זֵיי גֶעשְׁטַארְקְט צוּ טוּן וָואס זֵיי קֶענֶען יָא, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט שׁוּלְן פוּן תְּהִלִּים זָאגֶער'ס, וָואס הָאבְּן גֶעשְׁפַּאלְטְן הִימְלֶען, און בַּעֲלֵי בָּתִּים וָואס לֶערְנֶען נָאכְן אַרְבֶּעטְן, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען קֶען טוּן רְצוֹן הַשֵּׁם מִיטְן זִינְגֶען צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, מִיטְן טַאנְצְן, מִיט הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, בִּיז ס'אִיז גֶעוָוארְן פוּן דִי פְּשׁוּטֶ'ע פְּרָאסְטֶע אִידִישֶׁע פוֹיעֶרְן גְרוֹיסֶע עוֹבְדֵי הַשֵּׁם, אַ חֵלֶק זֶענֶען גֶעוָוארְן אֲפִילוּ צַדִיקִים נִסְתָּרִים וָואס הָאבְּן גֶעדִינְט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שְׁטִיל און בַּאהַאלְטְן.

**בֶּערֶעלֶע – אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ אַ כְּ'הָאבּ אַמָאל גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס וֶועט נָאךְ קוּמֶען אַ צַייט וָואס וֶוער עֶס וֶועט זַיין אַ פְּשׁוּטֶ'ער עֶרְלִיכֶער אִיד וֶועט עֶר זַיין אַ חִידוּשׁ אַזוֹי וִוי דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב אִין זַיין צַייט!**

זֵיידֶע – יָא, ר' נָתָן רֶעדְט וֶועגְן דֶעם אַז הַיינְט, מִיט אַ קְלֵיין טְרִיט קֶען מֶען אוֹיפְטוּן וָואס דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים און גְרוֹיסֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעהָארֶעוֶועט לַאנְגֶע יָארְן. לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּזַאמֶען אַז מִיר גֵייעֶן זַיין עוֹבְדֵי הַשֵּׁם בֶּאֱמֶת, בֶּעטְן, בֶּענְקֶען און הָאפְן צוּ אֵייבִּיג טוּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער'ס ווִילְן.





# יוֹם טוֹב סֻכּוֹת בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּין

## מִיר וֵוייסְן בִּכְלָל נִישְׁט דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן דֶער מִצְוָה

אִין יָאר תק"ע וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִין בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ גֶעפִינֶען קַיין אֶתְרוֹגִים אִין גַאנְצְן גֶעגְנְט. אַלֶע אִידְן פוּן אַלֶע דֶערְפְלֶער הָאבְּן זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט בַּאזָארְגְט, 'וָואס וֶועט מֶען דָא טוּן?' צוּ וֶועט מֶען בֶּענְטְשְׁן דָאס יָאר נָאר אוֹיף דְרַיי מִינִים?

הַיינְטִיגֶע צַייטְן, גֶעלוֹיבְּט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיז דָא מִיט אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אַסַאךְ שֵׁיינֶע אֶתְרוֹגִים צוּ גֶעפִינֶען, יֶעדֶער פַאר זִיךְ קֶען זִיךְ פַארְגִינֶען צוּ קוֹיפְן אַ פְּרִיוואטְן אֶתְרוֹג, אָבֶּער אִין יֶענֶע יָארְן אִין אוּקְרֵיינֶע אוּן אוֹיף אַנְדֶערֶע מְדִינוֹת ארוּם, אִיז אַן אֶתְרוֹג גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶע טַייעֶרֶע זַאךְ. שׁוֹין אַפָאר מָאנַאטְן פְרִיעֶר הָאט מֶען גֶעדַארְפְט אַרוֹיסְפָארְן אִיבֶּער שְׁוֶוערֶע וֶועגְן צוּ וַוייטֶערֶע לֶענְדֶער אַזוֹי ווִי מָארָאקָא אָדֶער שְׁפַאנְיֶע א.ד.ג. צוּ קוֹיפְן כָּשֵׁר'ע אֶתְרוֹגִים. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּ פִיל שְׁלֶעפְּן פוּן וַוייט, אַזוֹי אַז סְ'אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ גֶעפִינֶען צוּ פִיל אֶתְרוֹגִים אוּן זֵייעֶר פְרַייז אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר זֵייעֶר טַייעֶר. עֶס פְלֶעגְט זִיךְ מַאכְן אָפְט אַז אַ גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין אֵייגֶענֶעם אֶתְרוֹג, נָאר אַלֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען בֶּענְטְשְׁן דִי בְּרָכָה 'עַל נְטִילַת לוּלָב' מִיטְן אֶתְרוֹג פוּנֶעם רָב פוּן שְׁטָאט.

אִין יֶענֶעם יָאר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן אִין גַאנְץ אוּקְרֵיינֶע קַיין כָּשֵׁר'ע אֶתְרוֹג. מֶענְטְשְׁן הָאבְּן שׁוֹין גֶערֶעדְט אַז קֶען זַיין אַז דִי יָאר וֶועט מֶען בִּכְלָל נִישְׁט קֶענֶען בֶּענְטְשְׁן אוֹיף אַן אֶתְרוֹג! הַארְט בֶּעפָאר יוֹם טוֹב סֻכּוֹת הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעפִירְט מִיט נִסִּים אַז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ קְלֵיינֶער צָאל אֶתְרוֹגִים צוּ עֶטְלִיכֶע דֶערְפְלֶער, וֶוען

דֶער פְּרַייז הָאט דֶערְגְרַייכְט מֶער פוּן פוּפְצִיג רֶענְדְלֶעך פַאר אַן אֶתְרוֹג! (אַסַאךְ גֶעלְט אִין יֶענֶע צַייט). בְּחַסְדֵי הַשֵּׁם אִיז אוֹיךְ אָנְגֶעקוּמֶען אַן אֶתְרוֹג קַיין בְּרֶסְלֶב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט בַּאקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע אֶתְרוֹג אִין הַאנְט, אִיז עֶר גֶעוָוארְן מוֹרָא'דִיג פְרֵייליךְ, אַזַא שִׂמְחָה וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָאָרְשְׁטֶעלְן. פוּן גְרוֹיס פְרֵייד, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען כְּלֵי זֶמֶר צוּ שְׁפִּילְן פַאר אִים אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעשִׁיקְט אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען דֶעם אֶתְרוֹג. דְרַיי גַאנְצֶע טֶעג הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהַאט חִיוּת פוּן דֶעם אֶתְרוֹג! וֶוען אִין דִי טֶעג הָאט עֶר אִינְגַאנְצְן נִישְׁט גֶעפִילְט זַיין שְׁוֶוערֶע קְרֶענְק וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט נָאר עֶר אִיז גֶעוֶוען פְרִישׁ אוּן גֶעזוּנְט, אוּן גֶעדַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער פַארְן טַייעֶרְן אֶתְרוֹג.

אֲפִילוּ נָאךְ סֻכּוֹת הָאט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ אַרוּמְגֶערֶעדְט וֶועגְן דֶעם אֶתְרוֹג אוּן הָאט גֶעזָאגְט 'אַז מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט דִי גְרוֹיסְקַייט אוּן דִי טַייעֶרְקַייט פוּן דִי מִצְוָה פוּן אֶתְרוֹג'. אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער גִיסְן אַסַאךְ גֶעלְט פַאר דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה. "אַוַודְאַי," הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אִיז עֶס נִישְׁט בְּחִנָּם... וַוייזְט אוֹיס אַז דִי מִצְוָה אִיז זֵייעֶר טַייעֶר אוּן גְרוֹיס, אַז מִיר קֶענֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, מִיר וֵוייסְן נִישְׁט אִיר גְרוֹיסְקַייט. ס'קֶען זַיין אַז וֶוען אִידְן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט דִי גְרוֹיסְקַייט אוּן חֲשִׁיבוּת פוּן דֶעם אֶתְרוֹג וָואלְט מֶען גֶעטוּן פִיל מֶער פַאר דִי מִצְוָה. וַוייל מִיר אִידְן זֶענֶען אַ קְלוּגֶע פָאלְק אוּן ס'אִיז שְׁוֶוער אוּנְז צוּ פַארְנַארְן אוּן אַוַודְאַי אַז מִיר צָאלְן אַסַאךְ גֶעלְט פַאר דִי מִצְוָה אִיז עֶס נִישְׁט סְתַּם, נָאר מִיר דֶערְפִילְן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן דִי מִצְוָה אֲפִילוּ אָן צוּ וִויסְן." (שִׂיחוֹת הָרַ"ן קכה)

## אַ טַייעֶרְן אֶתְרוֹג?

עֶס הָאט זִיךְ אַמָאל גֶעמַאכְט אַז ר' נָתָן הָאט גֶעטְרָאפְן אַ שֵׁיינֶעם אֶתְרוֹג בַּיי אֵיינֶעם, אַ סוֹחֵר פוּן אֶתְרוֹגִים, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם סוֹחֵר אוֹיבּ עֶר לָאזְט אִים וַוייזְן דֶעם אֶתְרוֹג פַאר זַיין רֶבִּי'ן. דֶער סוֹחֵר הָאט צוּגֶעשְׁטִימְט אוּן ר' נָתָן אִיז גֶעלָאפְן שְׁנֶעל וַוייזְן דֶעם אֶתְרוֹג פַארְן רֶבִּי'ן.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען דֶעם אֶתְרוֹג הָאט עֶר עֶס נִישְׁט בַּאוואוּנְדֶערְט, נָאר גֶעזָאגְט גֶעלַאסְן, "נוּ..." אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט גַאנְץ פַּיין... מִיט דֶעם אַלֶעס הָאט דֶער גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד בַּאשְׁלָאסְן צוּ קוֹיפְן דֶעם אֶתְרוֹג. שְׁפֶּעטֶער הָאט ר' נָתָן ווידֶער גֶעוִויזְן דֶעם אֶתְרוֹג פַארְן רֶבִּי'ן, אָבֶּער דָאס מָאל הָאט דֶער רֶבִּי מוֹרָא'דִיג אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט אוּן בַּאוואוּנְדֶערְט דֶעם אֶתְרוֹג, הָאט ר' נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן, "פַארְוָואס אִין אָנְפַאנְג הָאט דֶער רֶבִּי

נִישְׁט בַּאלוֹיבְּט דֶעם אֶתְרוֹג און יֶעצְט נָאכְן קוֹיפְן יָא?"

הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אוֹיבּ אִיךְ וָואלְט בַּאוואוּנְדֶערְט דֶעם אֶתְרוֹג נָאךְ פַּארְן קוֹיפְן, וָואלְסְטוּ גֶעלָאפְן אִיבֶּערַאשְׁט מִיט אַ שִׂמְחָה קוֹיפְן דֶעם אֶתְרוֹג און וֶוען דֶער סוֹחֵר וָואלְט גֶעזֶען דַיין פְרֵייד אוֹיפְן פְּנִים, אַז דִי ווִילְסְט שְׁטַארְק דֶעם אֶתְרוֹג וָואלְט עֶר אַרוֹיפְגֶענוּמֶען דֶעם פְּרַייז און גֶעבֶּעטְן פַאר דֶעם גְרוֹיס גֶעלְט... דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט צוּפִיל בַּאוואוּנְדֶערְן דֶעם אֶתְרוֹג אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז עֶס זֵייעֶר אַ מְהוּדָר'דִיגֶער אֶתְרוֹג. (שִׂישַׂ"ק)

### ווֵיינֶען צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן

דֶער הֵיילִיגֶע רֶבִּי פְלֶעגְט אַסַאךְ ווֵיינֶען צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַשִּׂיג זַיין, פְלֶעגְט עֶר פְרִיעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן און ווֵיינֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים און גֶעבְּן דִי מַדְרֵיגָה צוּ וָואס עֶר ווִיל זוֹכֶה זַיין.

נָאךְ אַלְס קִינְד, וֶוען עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען דָאס לֶערְנֶען הָאט עֶר אַסַאךְ גֶעווֵיינְט בִּיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן און עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען דָאס לֶערְנֶען אַזוֹי אִין אַלֶע זַאכְן. בִּפְרָט אִין דִי יָמִים נוֹרָאִים, דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז נָאךְ שִׂמְחַת תּוֹרָה, פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ ווֵיינֶען.

אֵיינֶע פוּן דִי יָארְן - יוֹם טוֹב סֻכּוֹת, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט אַרוּם דִי בִּימָה מִיט דִי הֵיילִיגֶע פִיר מִינִים, הָאבְּן דִי חֲסִידִים גֶעזֶען שְׁפֶּעטֶער אַז דִי גַאנְצֶע עֶרְד אַרוּם דִי בִּימָה אִיז גֶעוָוארְן נַאס פוּן טְרֶערְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעווֵיינְט בַּיי דִי הַקָּפוֹת אַרוּם דֶער בִּימָה. (השתפכות הנפש - הקדמה)

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז ווִיפִיל מֶער אַ אִיד ווֵיינְט אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ אַ שֶׁענֶערְן אֶתְרוֹג (שיחות הר"ן פז). אָבֶּער דֶער עִיקָר מַעְלָה פוּנֶעם ווֵיינֶען אִיז נִישְׁט ווַייל מֶען אִיז צֶעבְּרָאכְן און בְּרֹגֶז, נָאר פַארְקֶערְט, דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אַן אֱמֶת'ע טְרֶער אִיז נָאר וֶוען עֶס אִיז פוּן שִׂמְחָה, אַזוֹי ווִי מִיר זָאגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה: "כִּי בְּשִׁמְךָ יְגִילוּן כָּל הַיּוֹם." זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דָאס אִיז רָאשֵׁי תֵּבוֹת בְּ'כִ'יָּ'ה' - ווֵיינֶען, דָאס מֵיינְט אַז אִין דִי טֶעג דַארְף מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן און פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִידְן, דָאס אוֹיסְגֶעווֶועלְטֶע פָאלְק פוּן בַּאשֶׁעפֶער און עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת וָואס דוּרְךְ זֵיי קֶענֶען מִיר זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אִים, און פִילְן אַבִּיסְל הֶעכֶערְקַייט. אַזוֹי אוֹיךְ אַז עֶר הָאט אוּנְז מְקַרֵב גֶעוֶוען צוּ אֱמֶת'ע גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים בִּיז מֶען וֶועט ווֵיינֶען פוּן גְרוֹיס פְרֵייד און בֶּענְקֶענִישׁ צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

# וואו איז דער פיטום פארשוואונדן?!



ס׳איז געווען א מעשה אין ברסלב אין די צייטן פון ר׳ נתן א גרויסער רב האט נישט געהאט קיין אתרוג אויף סוכות. אוי, עס קומט שוין יום טוב סוכות, וואס וועט מען טון אן קיין אתרוג צו בענטשן? די חסידים פונעם רב האבן זיך גענומען זוכן א אתרוג אין אלע ווינקלען, ביז זיי האבן געפינען אז ערגעץ אין א ווייטע דערפל איז פאראן אן אתרוג. געוואלדיג! די חסידים פון יענעם געגנט האבן אפגעקויפט דעם אתרוג, אבער אזוי ווי עס איז שוין געווען ממש נאנט צום יום טוב, האבן זיי אריבער געשיקט דעם אתרוג מיט א גוי, ער זאל עס שנעל ברענגען צום רב.

דער גוי איז ארויס אויפן וועג מיט׳ן טייערן ארטיקל וואס ער היט אפ. אינמיטן וועג איז ער מיד געווארן און זיך געפאקט שלאפן. איז געקומען א צווייטער גוי איז איז נייגעריג געווארן, ׳וואס ליגט דא אין די זעקל וואס דער איוואן היט אזוי פארזיכטיג?׳ האט ער געטראכט אפשר ליגט דארט עפעס עקסטער אינטרעסאנט? האט דער נארישער גוי געעפנט דעם פעקל און צו זיין גרויס ענטוישונג האט ער דארט געטראפן א גרינע לימענע... דער גוי האט זיך שטארק געוואונדערט, ׳וואס איז דאס? אין אוקריינע וואקסן נישט קיין אתרוגים, ער האט אזא פרוכט קיינמאל פאר זיינע אויגן נישט געזען, האט ער געטראכט, ׳אפשר איז דאס א ספעציעלע פרוכט וואס האט אן עקסטערן געשמאקן טעם?׳ האט ער געגעבן א ביס אראפ דעם פיטום פונעם אתרוג... אוי וויי אזוי ביטער! דער גוי איז געווארן אינגאנצן ברוגז און צעמישט, ׳וואס גייט דא פאר?׳ ער האט געגעבן א פאק אריין דעם אפגעביסענעם אתרוג צוריק אין פושקע.

איוואן נעמט דעם פושקע און גייט ווייטער זיין וועג. ער קומט אן צו אן ארענדאר, א איד וועלכער פרעגט אים אויס וואס ער טראגט דארט אין זיין פושקע. איוואן דערציילט אים וואס זיין שליחות איז און באווייזט אים דער אינהאלט. דער איד, דערזעענדיג דעם אפגעביסענער אתרוג.

״שוין, דארפסט מער נישט פארזעצן דיין וועג ווייל דער פרוכט איז שוין

גארנישט ווערד,״ האט דער איד איס געזאגט. אבער דער גוי האט זיך נישט וואוסנדיג געמאכט נאר געגאנגען צום רב איבערגעבן דעם פסול׳ן אתרוג כאילו לא היה׳... דער רב האט באקומען דעם אתרוג האט ער געטראפן א פסול׳ע אתרוג מיט אן אפגעביסענעם פיטום... געוואלד!!! וואס גייט דא פאר?!

די מעשה איז באוואוסט געווארן. דער רב האט נישט געהאט קיין אתרוג אויף סוכות, ס׳איז געווען גרויסע בזיונות. אלע האבן זיך געדרייט פארוואונדערט, ווער האט אפגעהאקט די פיטום פון דעם טייערן אתרוג?

אין דער ברסלב׳ער שטיבל האט זיך געדרייט א ווערטל מאכער, אזא פרייליכער איד. וואס איז גראדע נישט געווען קיין תלמיד פון ר׳ נתן, ער האט נישט געהאט דאס תמימות און גלייכקייט פון ר׳ נתנ׳ס תלמידים. איין טאג ביים דאווענען מנחה אין שול, אזוי ווי ער האט פונקט געהאלטן ביים זאגן די קרבנות האט ער געגעבן א שריי ארויס פון פענסטער, ״תנו רבנן פיטום האק״... (אנשטאט צו זאגן פיטום הקטורת האט ער געזאגט פיטום האק...) אזוי ווי די חסידים אינדרויסן האבן דאס געהערט זענען זיי געווארן זייער פארשעמט. די ווערטל ״פיטום האק״ איז אריבער געפלויגן אינעם גאנצן שטאט. די חסידים פון רב זענען געווארן זייער ברוגז. זיי האבן עס אפגעטייטשט אז די ברסלב׳ער לאכן פון זיי, דעריבער איז זיי איינגעפאלן א נארישער געדאנק אז די ברסלב׳ער זיי זענען די חברה...., זיי האבן אפגעהאקט דעם פיטום פונעם אתרוג!!!

איינער האט געטראכט, דער צווייטער האט געזאגט, דער דריטער האט געקאכט מיט צארן, דער פערדער האט געשריגן געוואלד! דער פינפטער איז געגאנגען מסר׳ן דעם רב אז ר׳ נתן, נישט מער און נישט ווייניגער, האט געהייסן דעם גוי אפהאקן דעם פיטום... אזוי איז די מעשה געווארן אויפגעבלאזן אויף א שרעקליכע מחלוקת.

די דאזיגע חסידות האבן שוין געהאט אן אלטער חשבון מיט די ברסלב׳ער און דא האבן זיי געהאט א תירוץ אויפצופלאקערן א מחלוקה. מען האט געזאגט אז אזוי האט זיך אנגעהויבן די גאנצע גרויסע מחלוקה אויף ר׳ נתן, וואס צוליב דעם איז ער אריבער שרעקליכע רדיפות ביז ער איז פארטריבן געווארן פון ברסלב אויף דריי יאר. אזוי אויך איז אונז פארלוירן געווארן אפאר חלקים פון ליקוטי הלכות, וואס האט געקענט אויפלייכטן די וועלט.

# מַעֲשֶׂה ב' – פון דער מלך און דער קייסער (6)

דֶער וַוייל הָאבִּין זֵיי דֶער זֶעהְן אַז דֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז גִיוֶועזִין זֵייעֶר מֶלֶךְ אִיז נִיט דָא. הָאבְּן זֵיי גִיפְרֶעגְט (דְהַיְינוּ דִי מְדִינָה הָאט גִיפְרֶעגְט) וִוי אִיז אוּנְזֶער מֶלֶךְ.

הָאבְּן זֵיי דֶער צֵיילְט זֵיי דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. אַז דֶער בֶּן מֶלֶךְ אִיז שׁוֹין לַאנְג גִישְׁטָארְבְּן און אַז זֵיי הָאבִּין שׁוֹין אויף גִינוּמֶען אֵיין נַייעֶם מֶלֶךְ דֶעם וָואס עֶר גֵייט מִיט זֵיי (דְהַיְינוּ דֶעם דָאקְטָאר דָאס אִיז דִי בַּת קֵיסֶר) הָאט זִיךְ דִי מְדִינָה זֵייעֶר גִיפְרֵייט וָואס זֵיי הָאבִּין שׁוֹין אֵיין נַייעֶם מֶלֶךְ.

דֶער מֶלֶךְ (דְהַיְינוּ דִי בַּת קֵיסֶר) הָאט גִיהֵייסִין אוֹיס רוּפִין אִין אַלֶע מְדִינוֹת אַז וִוי עֶס גִיפִינְט זִיךְ עֶרְגֶעץ אַ גֵר אָדֶער אַ בּוֹרֵחַ דְהַיְינוּ אֵיין אַנְטְלָאפִינֶער אוֹדֶער אַ פַּארְטְרִיבִּינֶער זָאלִין זֵיי אַלֶע קוּמֶען אויף דֶער חֲתוּנָה עֶס זָאל אֵיינֶער פוּן זֵיי נִיט אֶפּ גֵיין. וֶועלִין זֵיי נֶעמֶען גְרוֹיסֶע מַתָּנוֹת.

וְוידֶער הָאט גִיהֵייסִין דֶער מֶלֶךְ (דְהַיְינוּ דִי בַּת קֵיסֶר) אַז מֶען זָאל מַאכִין אַרוּם דֶער גַאנְצֶער שְׁטָאט קְוָואלִין אַרוּם און אַרוּם. כְּדֵי אַז אֵיינֶער וֶועט וֶועלִין אַ טְרוּנְק טוּן זָאל עֶר נִיט בַּאדַארְפְן אַוֶועק גֵיין אַ טְרוּנְק טוּן. נָאר אִיטְלִיכֶער זָאל גִיפִינֶען אַ קְוָואל לֶעבִּין זִיךְ.

נָאךְ הָאט דֶער מֶלֶךְ (דְהַיְינוּ דִי בַּת קֵיסֶר) גִיהֵייסְן אַז מֶען זָאל זַיין צוּרָה אָפּ מָאלִין בַּיי אִיטְלִיכְן קְוָואל. און מְזָאל שְׁטֶעלִין שׁוֹמְרִים. זֵיי זָאלִין הִיטְן בְּאִים אַז אֵיינֶער וֶועט קוּמֶען און וֶועט זִיךְ שְׁטַארְק צוּ קוּקִין צוּ דֶער צוּרָה (דְהַיְינוּ צוּ דֶעם פַּאטְרֶעט פוּן דֶעם מֶלֶךְ דָאס אִיז דִי בַּת קֵיסֶר כַּנַ"ל) און וֶועט מַאכִין אַ שְׁלֶעכְט פָּנִים זָאל מֶען דֶעם מֶענְשְׁן חַאפִּין און מֶען זָאל אִים אַיין זֶעצִין אִין דֶער תְּפִיסָה.

הָאט מֶען אַלְץ אַזוֹי גִיטָאן. זֶענֶען אָן גִיקוּמֶען דִי אַלֶע דְרַיי (דְהַיְינוּ דֶער עֶרְשְׁטֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז דֶער רֶעכְטֶער חָתָן פוּן דֶער בַּת קֵיסֶר) וָואס זִי אִיז דָא מֶלֶךְ גִיוָוארִין.

אוּן דֶער זוּן פוּן דֶעם סוֹחֵר (וָואס דֶער פָּאטֶער הָאט אִים פַּאר טְרִיבְּן אִיבֶּער דֶער בַּת קֵיסֶר וָואס זִי אִיז פוּן אִיהם אַנְטְלוֹפֶען גִיוָוארִין כַּנַ"ל) אוּן דֶער מֶלֶךְ וָואס מֶען הָאט אִים פַּאר טְרִיבְן (אוֹיךְ אִיבֶּער דֶער בַּת קֵיסֶר וָואס זִי אִיז פוּן אִים אַנְטְלוֹפְן גִיוָוארִין מִיט דִי עֶלֶעף פַּאנִיס כַּנַ"ל)

אוּן אִיטְלִיכֶער פוּן דִי דְרַיי הָאט דֶער קֶענְט אַז דָאס אִיז אִיר צוּרָה. אוּן הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר צוּגִיקוּקְט אוּן הָאבִּין זִיךְ דֶער מַאנְט אוּן הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גִיוֶועְן. הָאט מֶען זֵיי גִיחַאפְּט אִין דֶער תְּפִיסָה אַרַיין.

בְּשַׁעַת חֲתוּנָה הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיהֵייסְן (דְהַיְינוּ דִי בַּת קֵיסֶר) אַז מֶען זָאל דִי שְׁבוּיִים בְּרֶענְגֶען פַאר אִים הָאט מֶען גִיבְּרַאכְט דִי אַלֶע דְרַיי. הָאט זִי זֵיי דֶער קֶענְט אוּן זֵיי הָאבִּין זִי נִישְׁט דֶער קֶענְט מַחְמַת זִי אִיז

גִיגַאנְגֶען אָן גִיטָאן וִוי אֵיין מַאנְצְבִּיל.

הָאט זִיךְ אָן גִירוּפְן דִי בַּת קֵיסֶר אוּן הָאט גִיזָאגְט דוּ מֶלֶךְ דִיךְ הָאט מֶען פַאר טְרִיבֶּען אִיבֶּער דִי עֶלֶעף פּאנִיס וָואס זֵיי זֶענֶען פַאר פאלְן גִיוָוארִין נַאדִיר אָפּ דַיינֶע פּאנִיס. קֶער דִיךְ אוּם אַהֵיים צוּ דַיין מְדִינָה אוּן צוּ דַיין מְלוּכָה. דוּ סוֹחֵר (כְּלוֹמֶר פְּרִיר הָאט זִי גִירֶעט צוּם מֶלֶךְ. הַיינְט הָאט זִי אָן גִיהוֹיבְּן צוּ ריידִין צוּם בֶּן הַסוֹחֵר הַנַ״ל) דִיךְ הָאט דַיין טַאטֶע פַאר טְרִיבְּן אִיבֶּער דֶער שִׁיף מִיט דֶער סְחוֹרָה וָואס עֶס אִיז פַאר פַאלִין גִיוָוארִין (כַּנַ״ל) נַאדִיר אָפּ דַיין שִׁיף מִיט גָאר דֶער סְחוֹרָה.

אוּן דֶער פַאר וָואס דַיין גֶעלְד אִיז אַזוֹי לַאנְג אוֹיסִין גִיוֶוען דֶער פַאר הָאסְטוּ הַיינְט מֶער עֲשִׁירוּת אִין דֶער שִׁיף כִּפְלֵי כִּפְלַיִם מֶער פוּן פְרִיר (וָוארִין הַיינְט אִיז נָאךְ גִיוֶוען אִין דֶער שִׁיף דָאס גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת פוּן דִי רוֹצְחִים כַּנַ״ל) אוּן דוּ בֶּן מֶלֶךְ (דְהַיינוּ דֶער עֶרְשְׁטֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז בֶּאֱמֶת דֶער חָתְן)

קוּם אַהֶער לָאמִיר אַהֵיים פָארִין. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוּם גִיקֶערְט אַהֵיים. אָמֵן וְאָמֵן.



1א - קוקן אויפן אתרוג איז א רפואה פאר אויגן ווייטאג?
1ב - אויב מען ווייניט ימים נוראים קען מען באקומען א שענערע אתרוג?
1ג - אידן געבן אויס געלט פאר אן אתרוג מער ווי א אנדערע מצוות?
1ד - איז דער רבי געווען ביים כותל המערבי, ביי זיין באזוך אין ארץ הקודש?
1ה - האט דער רבי געוואלט מען זאל מאכן די סוכה מיט אסאך חומרות?
1ו - דער רבי רעדט פון א סגולה צו טראגן מיט זיך בלעטער פון הושענות?
1ז - האט דער רבי געזאגט הלל חול המועד, די לעצטע טאג פון זיין לעבן? (ימי מוהרנ"ת א' ס"ב)
1ח - איז דא אין ליקוטי מוהר"ן א תורה וואס רעדט פון סוכות?
2א - די תפלה וואס איז דא נאכן תיקון הכללי, האט ר' נתן געשריבן?
2ב - איז הושענא רבא דער עיקר דאס אויפזיין?
2ג - האט דער רבי אריינגעקוקט אין ר' נתנ'ס אויג פאר א לענגערע צייט פאר'ן רבי'נס הסתלקות?
2ד - דער רבי איז געווען פרייליך דריי טעג אין א צי' און גארנישט געשפירט זיין קרענק ווענן די שמחה פון זיין אתרוג, איז עס געווען יאר תקצ"ח? (שיחות הר"ן קכ"ה)
2ה - איז ר' נתן געשלאפן דאס לעצטע נאכט פארן רבי'נס הסתלקות?
2ו האט דער ספר ליקוטי מוהר"ן באקומען א הסכמה פונעם הייליגן חוזה?
2ז האט ר' נתן געלאזט שיכור'ן שמחת תורה?
2ח האט דער רבי נאך זוכה געווען צו זען דעם הייליגן "תולדות יעקב יוסף"?
3א האט דער רבי געהאט עליות וירידות ווען ער איז געווען יונג?
3ב האט דער רבי זוכה געווען צו זען דעם הייליגן בעל שם טוב?
3ג איז ר' נתן געווען א תלמיד פון ברדיטשובער רב?
3ד האט ר' נתן געלערנט קבלה ספרים?
3ה האט ר' נתן משמש געווען דעם הייליגן ר' אלימך מליזענסק?
3ו איז ר' נתן געווען אין מצרים? (ימי מוהרנ"ת חלק שני קי"ג)
3ז האט ר' נתן זוכה געווען צו לולב בענטשן אויפן שיף אהיים פון ארץ ישראל נאכדעם ווען אלע האבן זיך מייאש זיין צו האבן ארבע מינים? (ימי מוהרנ"ת חלק שני ק"פ)
3ח האט ר' נתן געהערט שופר בלאזן אויפן שיף, אויפן וועג אהיים פון ארץ ישראל? (ימי מוהרנ"ת חלק ב' קע"ה)

מראה מקומות (ספר המידות אות ראיה, רפואה), (שיחת הר"ן אות פ"ז), (שיחות הר"ן קכ"ה), (ספר המידות דרך) (ימי מוהרנ"ת חלק א' ס"א), (ימי מוהרנ"ת חלק א' נ"ט)

ענטפער

די שאלות. אויב די ענטפער איז יא, פיל אן די קעסטל שווארץ, אויב די ענטפער איז ניין, לאז עס ליידיג. עס וועט דיר אויסקומען עפעס וואס דער רבי האט געוואלט אז מען זאל זיין!



| | א | ב | ג | ד | ה | ו | ז | ח |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | | | | | | | | |
| 2 | | | | | | | | |
| 3 | | | | | | | | |



# דעם רבינ'ס משלים

*הֶמְשֵׁךְ פוּן פָאריגֶע וָואךְ וֶוען דֶער קֶענִיג הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו אוּן גֶעהֵייסְן פַאר זַיין אוֹהֵב עֶס גְלַייךְ אַרִיבֶּערְצוּטְרָאגְן צוּ אַן אַדְרֶעס.*

בַּיי דֶעם אִיד, מִיר וֶועלְן אִים רוּפְן ר' מְשׁוּלָּם, אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר בַּאלִיבְּט דִי מִצְוָה פוּן מִילָה, צוּ מַלֶ'ן אִידִישֶׁע קִינְדֶער. וֶוען אִימֶער מֶען הָאט אִים מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט דִי מִצְוָה הָאט קַיין שׁוּם מְנִיעָה אִים נִישְׁט אָפְּגֶעהַאלְטְן פוּן אָט דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה, וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין זַיינֶע אוֹיגְן זַייעֶר חָשׁוּב אוּן בַּאלִיבְּט.

אִין דֶעם טָאג וֶוען עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אָפְּטְרָאגְן דִי בְּרִיוו פוּנֶעם קֶענִיג צוּם אָנְגֶעגֶעבֶּענֶעם אַדְרֶעס, אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וִויל דָאךְ אָפְּהִיטְן זַיינֶע בַּאלִיבְּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַזוֹי צוּגֶעפִירְט אַז אַ אִיד וָואס וואוֹינְט אִין אַ דֶערְפְל אִיז גֶעקוּמֶען צוּ ר' מְשׁוּלָּם עֶר זָאל מִיטְפָארְן מִיט אִים צוּם דָארְף מַלֶ'ן אַ נַייעֶ גֶעבּוֹירְן אִידִישׁ קִינְד.

אַזוֹי וִוי ר' מְשׁוּלָּם הָאט זַייעֶר חָשׁוּב גֶעהַאלְטְן דִי מִצְוָה אוּן קַיינְמָאל דָאס אָפְּגֶעזָאגְט, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, 'וָואס קֶען אִיךְ טוּן מִיטְן בַּאפֶעל פוּנֶעם קֶענִיג?'

אָבֶער, דֶער בַּאשֶׁעפֶער פִירְט דָאךְ דִי וֶועלְט, הָאט עֶר אַזוֹי צוּגֶעפִירְט אַז קַאפְּצִין פַּאשַׁא אִיז אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען ר' מְשׁוּלָּם, אוּן עֶר הָאט פַארְצֵיילְט פַארְן פַּאשַׁא אַז עֶר הָאט בַּאקוּמֶען זַייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע בְּרִיוו פוּנֶעם קֶענִיג וָואס עֶר מוּז הַיינְט אָפְּטְרָאגְן, אָבֶער עֶר הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז עֶס אִיז אִים אוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען אַ וִויכְטִיגֶע אִידִישֶׁע מִצְוָה וָואס עֶר זָאגְט קַיינְמָאל נִישְׁט אָפּ, דֶערִיבֶּער בֶּעט ר' מְשׁוּלָּם פוּנֶעם פַּאשַׁא, "אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ דָאס אָפְּטְרָאגְן צוּ דֶעם אַדְרֶעס?".

דֶער פַּאשַׁא הָאט זִיךְ זַייעֶר גֶערְן צוּגֶעכַאפְּט, יֶעצְט וֶועט עֶר הָאבְּן נָאךְ אַ מְסִירָה פַארְן קֶענִיג קֶעגְן דֶעם מְשׁוּלָּם – דֶער קֶענִיגְ'ס לִיבּ-הָאבֶּער.

קַאפְּצִין פַּאשַׁא נֶעמְט דֶעם בְּרִיוו אוּן גֵייט צוּם אַדְרֶעס וִוי מֶען דַארְף עֶס טְרָאגְן, דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער אוֹיפְזֶעעֶר וָואס דַארְף פַארְבְּרֶענֶען אַלֶע וָואס זֶענֶען מְחֻיָּב צוּ וֶוערְן גֶע'הַרְגֶ'ט דוּרְכְן קֶענִיג.

וִוי נָאר דֶער פַּאשַׁא גִיבְּט אִיבֶּער דֶעם





# דעם רבינ'ס משלים

בְּרִיוו צוּם אוֹיפְזֶעעֶר, הָאט עֶר אָן פְּרֶעגְן אִים אַרַיינְגֶעשְׁלַיידֶערְט אִין קַאלֶעך-אוֹיוְון, דָאס אִיז אִים זִיכֶער גֶעקוּמֶען אַלְס מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט טוּן פַאר ר' מְשׁוּלָם, דָאס עֶר בַאקוּמֶען.

ר' מְשׁוּלָם וֵוייסְט גָארְנִישְׁט פוּנֶעם נֵס וָואס אִיז צוּ אִים גֶעשֶׁען. אוֹיפְצוּמָארְגְנְס קוּמְט עֶר צוּם קֶענִיג, ווִי דֶער קֶענִיג זֶעט אִים, וואוּנְדֶערְט עֶר זִיךְ: "הָאסְטוּ נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶעם בְּרִיוו צוּם אַדְרֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ דֶער בַאפוֹילְן?"

"אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ" זָאגְט ר' מְשׁוּלָם אִין אַ שְׁטִילְן טָאן: "דֶעם בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַארְן קַאפִּצִין פַּאשַׁא, וַוייל עֶס הָאט זִיךְ מִיר גֶעמַאכְט זֵייעֶר ווִיכְטִיגֶע מִצְוָה וָואס דֶער בַאשֶׁעפֶער הָאט מִיר צוּגֶעשִׁיקְט, אִיךְ זָאג קַיינְמָאל נִישְׁט אָפּ אַזַא סָארְט מִצְוָה".

יֶעצְט הָאט דֶער קֶענִיג שׁוֹין גוּט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער קַאפִּצִין פַּאשַׁא הָאט דָא בַאקוּמֶען אַ שְׁטְרָאף פַאר דִי מְסִירָה וָואס עֶר הָאט פַארְצֵיילְט פַארְן קֶענִיג. פְרֶעגְט דֶער קֶענִיג: "פַארְוָואס הָאלְסְטוּ אַ שְׁמַאטֶע אוֹיף דַיין מוֹיל וֶוען דוּ רֶעדְסְט צוּ מִיר?"

עֶנְטְפֶערְט ר' מְשׁוּלָם: "קַאפִּצִין פַּאשַׁא הָאט גֶעהֶערְט פוּנֶעם הוֹיכְן ג ע ש ע צ ט ע ר קֶענִיג אַז עֶר קֶען נִישְׁט דֶערְלַיידְן דִי גֶערוּךְ וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן מַיין מוֹיל"

הֶערְשְׁט יֶעצְט הָאט אִים דֶער קֶענִיג דֶערְצֵיילְט אַז קַאפִּצִין פַּאשַׁא הָאט גֶע'מַסֶרְ'ט אַז דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט אַז דוּ דוּלְדֶסְט נִישְׁט דִי רֵיחַ פוּן מַיין מוֹיל דֶערִיבֶּער ווִילְסְטוּ הָאבְּן אַ טִיכְל אוֹיפְן מוֹיל נִישְׁט צוּ שְׁפִּירְן דִי שְׁוֶוערֶע גֶערוּךְ פוּן מַיין מוֹיל.

דֶער קֶענִיג פַארְצֵיילְן פַאר ר' מְשׁוּלָם וָואס אִין בְּרִיוו אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן וואוּ אַהִין עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען, אוּן דַאן רוּפְט זִיךְ דֶער קֶענִיג אָן: "יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז עֶס אִיז פַארְהַאן אַ גָאט וָואס הִיט זַיינֶע בַאלִיבְּטֶע פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, וָואס דֶער קַאפִּצִין הָאט גֶעוָואלְט זֶען בַּיי דִיר הָאט עֶר בַאקוּמֶען גְלַייךְ בַּיים טִיר".

פוּן דַאן אִיז דֶער ר' מְשׁוּלָם נָאךְ מֶער נָאנְט גֶעוָוארְן צוּם קֶענִיג אוּן הָאט אִים נָאךְ מֶער גֶעלִיבְּט אוּן גֶעהֶעכֶערְט זַיין רַאנְג מֶער פוּן אַלֶע שָׂרִים אִין קֶענִיג'ס פַּאלַאץ.



שם: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## מעשה ב׳ פון דער מלך און דער קייסער (6)

**א.** ווען האט דער דאקטער געהייסן קומען אויף די חתונה?
- ❑ אלע אנטלאפענע
- ❑ אלע פארטריבענע
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב.** וועמען האט מען גענומען אין תפיסה?
- ❑ דער מלך וואס האט געברענגט די עלעף פאנעס
- ❑ דער בן הסוחר
- ❑ דער ערשטער בן מלך, דער בן הסוחר, און דער מלך וואס האט געברענגט די עלעף פאנעס

**ג.** ״און איטליכער פון די דריי האט דערקענט אז דאס איז איר צורה״ - וואס איז דער ריכטיגער סדר געווען ?
- ❑ צוּגִיקוּקְט, מְצַעֵר גִיוֶוען, דֶערמַאנְט
- ❑ דֶערמַאנְט, צוּגִיקוּקְט, מְצַעֵר גִיוֶוען
- ❑ צוּגִיקוּקְט, דֶערמַאנְט, מְצַעֵר גִיוֶוען

**ד.** וואס האט די בת קיסר געזאגט פאר דעם מלך ביי די חתונה?
- ❑ נעם די שיף מיט די סחורה
- ❑ קום אהער לאמיר אהיים פארן
- ❑ גיי צוריק צו דיין לאנד מיט די עלעף פאנעס

**ה.** וואס האט די בת קיסר געזאגט פאר דעם סוחר ביי די חתונה?
- ❑ גיי צוריק צו דיין לאנד מיט די עלעף פאנעס
- ❑ קום אהער לאמיר אהיים פארן
- ❑ נעם די שיף מיט די סחורה

**ו.** וואס האט די בת קיסר געזאגט פאר דעם בן המלך ביי די חתונה?
- ❑ גיי צוריק צו דיין לאנד מיט די עלעף פאנעס
- ❑ נעם די שיף מיט די סחורה
- ❑ קום אהער לאמיר אהיים פארן

### האבן זיי זיך אום געקערט אהיים אמן ואמן - מיט פיל הצלחה

**ז.** וואס האבן די בילדער א שייכות צו די מעשה וואס מיר האבן געלערנט ?







**דער געווינער אויף סיפורי מעשיות #5**
**איז הילד החשוב אלי וויינשטאק, בית שמש**

צו ענטפערן די בחינות און ארייגגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040

הגליון נתנדב ע"י

~~

הר"ר מרדכי שמואל שיף הי"ו
להצלחה בכל ענינים

הרוצה בעילום שם
להצלחה בכל ענינים

הר"ר יהודה מייל הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב

הר"ר נתן אנשין הי"ו
לרגל הולדת בתו למזל טוב

לע"נ בילא בת ר' שמעון הלוי ע"ה

